# הליכות החיים

ע"י הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

בס"ד

**דברים - ואתחנן | שנת תשפ"ב לפ"ק | גליון ת"ז**

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל


## ימי בין המצרים

### הלכות פון תשעה באב


**גליון זה נתנדב**

**ע"י ידידנו ותומכנו היקר, הנדיב הנכבד שי'**

לזכרו הטהור ולזכותו הקדוש של

**כ"ק אדמו"ר הגה"ק בעל ויחי יוסף מפאפא זצוק"ל**

**הגה"ק רבי יוסף בן הגה"ק רבי יעקב יחזקי' זצ"ל**

במלאות ל"ח שנה להסתלקותו לישיבה של מעלה ביום י"ג מנחם אב תדש"ם

**רחמנא אידכר לן זכותא דיוס"ף צדיקא**

זכותו הגדול והקדוש יגן בעד הנדבן החשוב ומשפחתו שי' ובעד כל ישראל


### ערב שבת חזון

#### געבן פאר קינדער פלייש עש"ק

**א]** פאר קינדער אונטער זעקס יאר, מעג מען געבן צו עסן פלייש ערב שבת נאך חצות, וויבאלד נאך חצות איז שוין דא אביסל פון קדושת השבת. פאר גרעסערע קינדער מעג מען געבן פלייש נאר נאענט צו שבת. דערוואקסענע זאלן נישט עסן קיין פלייש ביז נאך קידוש.

**ב]** מען זאל נישט אפגלאנצן ("פאלישען") זילבערנע כלים אין די ניין טעג. זילבערנע כלים וואס מען דארף פאר שבת קען מען אפווישן מיט א שמאטע, אבער נישט אויסגלאנצן.

**ג]** אויב מען האט נישט קיין אויסגעוואשענע אונטער-וועש אויף שבת, מעג מען בעטן א גוי'טע זאל עס אויסוואשן (מען מעג אליין אריינלייגן די וועש אין וואש-מאשין, און דער גוי זאל עס אנצינדן. אויב מ'האט נישט א גוי מעג מען עס טון אליין). אויב מען האט נייע אונטער-וועש מעג מען עס אנטון לכבוד שבת. לגבי אנדערע קליידער זאל מען פרעגן א שאלה.

**ד]** די וואס ווילן נעמען "קלי צום" אין שבת, לכתחילה זאלן זיי דאס ארייננמישן בעפאר שבת אין א געטראנק.

#### שניידן די נעגל, אנטון ריינע קליידער

**ה]** לכבוד שבת מעג מען שניידן די נעגל. (עס זענען דא וואס האלטן אז נאר אויב מען שניידט יעדע וואך - אדער יעדע צווייטע וואך און יעצט האלט מען דערביי - מעג מען שניידן אין די ניין טעג.)

**ו]** מען מעג אויך אנטון ריינע קליידער לכבוד שב"ק. דער היתר גייט אן פרייטאג נאכמיטאג, פון ווען מ'טוט עס אן לכבוד שבת. אויך מעג מען טוישן די האנטיכער און ניצן אויסגעוואשענע טישטיכער, אבער מען טאר נישט טוישן קיין ליילעכער און בעט-געוואנט.

### שבת חזון

**ז]** מען זאגט "אב הרחמים" ביי תפלת שחרית.

**ח]** שבת בייטאג נאך חצות מעג מען לערנען נאר זאכן וואס זענען מותר צו לערנען תשעה באב.

**ט]** עס זענען דא וואס זענען מתיר צו לערנען ספרי חסידות, "אור החיים" הק' און ספרי מוסר וואס זענען מכניע דאס הארץ. (פרקי אבות לערנט מען נישט, נאר מען זאגט עס).

**י]** ווער עס האט נאכנישט מעביר סדרה געווען, קען מעביר סדרה זיין נאך חצות.

**יא]** מען גייט נישט שפאצירן שבת א גאנצן טאג.

**יב]** ביי מנחה זאגט מען נישט "צדקתך".

**יג]** ביי שלש סעודות מעג מען עסן פלייש און טרינקען וויין, אפילו דער וואס עסט געווענליך נישט קיין פלייש און טרינקט נישט קיין וויין ביי שלוש סעודות; און מען מעג צוגרייטן א טיש אפילו ווי סעודת שלמה המלך בשעתו.

**יד]** מען מעג עסן נאכ'ן בענטשן פון שלש סעודות און מען דארף זיך נישט אויסנעמען פאר'ן בענטשן אז מען וויל נאך עסן, אבער אויב מען האט ארויסגעזאגט קלאר מיט'ן מויל אז מען וועט מער נישט עסן, טאר מען נישט עסן.


»»» המשך בעמוד ב


## מכתבים למערכת

### מצדיקי הרבים ככוכבים

"געווען איז דאס פינף-און-צוואנציג יאר צוריק," דערציילט מיר א חשוב'ער רב, "ווען איך האב ארייגעלייגט גרויס מי צו פארפאסן א ספר אויף א פארוויקלטער מקצוע אין תורה.

"כדי צו צוזאמענשטעלן דעם ספר האב איך - מיט א געוואלדיגע פלאג און יגיעה - געמוזט גיין פון שוהל צו שוהל, און פון איין אוצר הספרים צום אנדערן, זוכן איין ספר און נאך א ספר. (די עלעקטראָנישע תורה-אַרכיוון ווי 'אוצר החכמה' א.ד.ג. זענען נאך דאן נישט געווען אין באנוץ אזוי ווי היינט.)

"די ארבעט איז געמאכט געווארן מיט'ן פרימיטיוון 'אור-אלטן מעטאד' פון פען און פאפיר, אָן קיין קאמפיוטער, און דאס איז געווען די איינציגע קאפיע פון מיין ארבעט. איך האב אפילו נישט געטראכט אז עס איז וויכטיג צו מאכן דערפון נאך א קאפיע.

"נאכ'ן אפשרייבן העכער צוואנציג בלעטער, געשריבן אין צוזאמענגעשטופטע שורות אויף ביידע זייטן פון פאפיר, בין איך אהיימגעקומען פול מיט צופרידנקייט, מיט'ן פעקל שריפטן אין האנט - די געשניטענע פירות פון העכער צוויי גאנצע וואכן שווערע הארעוואניע פון זאמל- און שרייב-ארבעט. איך האב אראפגעלייגט דאס פלאסטיק-זעקל מיט'ן בינטל פאפירן אויפ'ן טיש אין סאלאן און זיך געאיילט אין שול דאווגען מנחה-מעריב און עפעס לערנען. צוריקקומענדיג ארום איין שעה שפעטער, כאפ איך א בליק אויפ'ן טיש און - עס ווערט מיר שווארץ פאר די אויגן. וואס שווארץ? קאלירפול...

"א קליין מיידל וועלכע האט זיך געפונען אין שטוב און געזען דאס פעקל מיט די אפגעשריבענע 'לאנגווייליגע' בלעטער, געשריבן אין בלויז איין קאליר, אָן קיין שום בילדער, צייכענונגען און סטיקערס, און זי האט אנגעהויבן עס שיין 'דעקארירן'. זי האט געפארבט יעדע זייט מיט די מארקערס וואס זי האט באקומען פון אירע עלטערן און עס אנגעקלעבט מיט פילפארביגע קלעביגע פאפירעלעך. די איין-פארביגע בלעטער


»»» המשך בעמוד ב

# ימי בין המצרים

## הלכות פון תשעה באב (המשך)

»»» המשך מעמוד א

**טו]** מען מעג עסן און טרינקען אויך וואס עס איז גוט צו עסן און טרינקען פאר א תענית, און עס איז נישט אסור צוליב "הכנה" (צוגרייטן אויף די וואכנטעג). מען זאל אבער נישט ארויסזאגן מיט'ן מויל אז מען עסט עס צוליב דעם תענית.

### טרינקען וואסער פאר'ן תענית

**טז]** אויב מען טרינקט אסאך וואסער אז מען זאל נישט זיין דארשטיג אינעם תענית, און יעצט איז מען אינגאנצן נישט דארשטיג, איז א מחלוקת הפוסקים צי מען מאכט "שהכל" און "בורא נפשות". דעריבער איז גוט אריינצולייגן א זיסע זאך אינעם וואסער, אז מען זאל הנאה האבן פונעם טרינקען און דעמאלט קען מען מאכן א ברכה.

### נאך דער שקיעה

**יז]** נאך דער שקיעה טאר מען נישט עסן און זיך נישט וואשן די הענט, אבער די אנדערע זאכן וואס זענען אסור תשעה באב גייען נישט אן ביז בייناכט, און מען מעג זיצן הויך ביז עס ווערט נאכט.

**יח]** מען טאר נישט אנגרייטן די תשעה-באב שיך ביז עס ווערט נאכט, און אזוי אויך זאל מען נישט איבערדרייען די בענק און אראפנעמען דאס פרוכת אין שוהל ביז עס ווערט נאכט.

**יט]** מען זאל נישט אנגרייטן דעם קינות פאר עס ווערט נאכט, אבער אויב מען איז מעיין דערין איז עס מותר.

**כ]** מען טוט אויס די שיך און די שבת'דיגע קליידער נאך "ברכו". אויב מען האט שוין געזאגט "ברוך המבדיל", דארף מען תיכף אויסטון די שיך.

### תפלת מעריב

**כא]** נאך מעריב, פאר מען זאגט "איכה", מאכט מען "בורא מאורי האש". אויב מען האט פארגעסן צו זאגן ביי שמו"ע "אתה חוננתנו", דארף מען זאגן "ברוך המבדיל" פאר מען מאכט בורא מאורי האש. אזוי אויך די פרויען מאכן "בורא מאורי האש". אויב מען האט נישט געמאכט די ברכה, קען מען עס מאכן א גאנצע נאכט.

**כב]** מ'שמעקט נישט קיין בשמים ווי יעדן מוצאי שבת.

**כג]** אויב מען האט פארגעסן צו זאגן "אתה חוננתנו", דארף מען נישט איבערדאווענען שמו"ע (כאטש מען מאכט נישט הבדלה מוצ"ש), און מען קען זיך פארלאזן אויף הבדלה אויפ'ן כוס פון מוצאי תשעה באב.

**כד]** מען זאגט נישט מוצאי שבת "ויהי נועם", "ויתן לך", "ג-ט פון אברהם" און די זמירות פון מוצ"ש.

**כה]** מען פירט זיך אז מען לייגט נישט צוזאמען דעם טלית מוצ"ש, נאר זונטאג נאך חצות.

**כו]** אזוי אויך שווענקט מען נישט אפ די כלים פון די שבת'דיגע סעודות ביז זונטאג נאך חצות. מען מעג אבער אפרייניגן דעם טיש בייناכט.

**כז]** א חולה א.ד.ג. וואס פאסט נישט תשעה באב דארף מאכן הבדלה פאר'ן עסן, און ער קען מוציא זיין מיט הבדלה אויך די בני בית וואס בלייבן נאך פאסטן. לכתחלה זאל ער מאכן הבדלה אויף א "חמר מדינה" (חשוב'ע געטראנק אין יענעם לאנד) ווי ביר, קאווע אדער קאפאטשינא (cappuccino). אויב ס'איז שווער, קען מען מאכן הבדלה אויך אויף גרעיפ דזשוס.

**כח]** קינדער אונטער בר/בת מצוה מעגן לכתחלה עסן אָן הבדלה און הערן הבדלה מוצאי תשעה באב. א קינד וואס וויל מאכן הבדלה קען מוציא זיין אנדערע קינדער.

**כט]** א יולדת און שוואכע פרויען וועלכע פאסטן נישט, זאלן מאכן הבדלה אויף קאווע אדער

»»» המשך בעמוד ג

## מכתבים למערכת

»»» המשך מעמוד א

האבן אויפגעלעבט און באקומען א קאלירפולע לעבעדיגקייט...

"איך בלעטער דורך די געשריבענע זייטן איינס נאכ'ן אנדערן, און די פיס ווערן מיר לויז. עס איז נישט געבליבן קיין איינציג לייענבאר בלעטל פון מיין גאנצע שווערע אפגעהארעוועטע ארבעט.

"און ווער, מיינט איר, איז געווען דאס 'שאדנס מיידעלע', וועלכע האט מיר אפגעטון דאס מייסטער שטיקל ארבעט? דאס איז געווען נישט קיין אנדערע ווי מיין טייער-באליבטע עלטסטע מיידעלע - א קינד פון פיר יאר אלט, וואס די השגות פון איר קליין קינדיש וועלטל זענען אביסל אנדערע ווי איר טאטנ'ס....

"איך האב געשפירט ווי א כוואליע פון אויפברויז קומט מיר ארויף אין האלדז. כ'האב געוואלט אנהייבן שרייען, אויסברעכן אין א בייזן שטורעם און אויסלאזן מיין שרעקליכן כעס - נאר עס איז נישט געווען אויף וועמען... די בעיביסיטער וועלכע איז געווען מיט'ן מיידל אין הויז האט גארנישט געוואוסט פון די פאפירן, און זי אליין איז געווען א מיידל, אביסל א גרעסער מיידל, וועלכע האט אבער גארנישט פרשטאנען צו דער טייערקייט פון א תורה-ווערק אין וועלכן עס איז אריינגעלייגט געווארן אזויפיל טייערע ארבעט.

"און מיין קליין מיידעלע?... זי האט אפילו נישט פארשטאנען פארוואס דער טאטע פריידט זיך נישט מיט די אלע שיינע און זיסע פאטשקערייען וואס האבן אזוי שיין באצירט זיינע פאפירן..."

*

דער רב זאגט מיר ווייטער: "כ'דארף קיינעם נישט מסביר זיין, וויאזוי איך כ'האב דאן געפילט, ווען מיין הארעוואניע פון אזא לאנגע צייט איז אין איין רגע געגאנגען לטמיון. עס איז געווען א געמיש פון אויפרעגעניש און ווייטאג, אויף אן אופן ווי קיינמאל פריער.

"איך האב זיך געביסן די ליפן, און ניטאמאל געהאט כח צו ארויסרעדן א ווארט - אבער דאן האט מיר אויפגעבליצט אין זכרון, א מעשה וואס כ'האב געלייענט א צייט פריער איבער הגאון רבי שבתי פרענקל זצ"ל."

*

דער היינטיגער עולם התורה איז שולדיג דאנק און אנערקענונג צו דער געשטאלט פון רבי שבתי פרענקל זצ"ל און זיין רמב"ם-פראָיעקט. "רמב"ם פרענקל" איז פארוואנדלט געווארן אין אן אומטיילבאַרן טייל פון דער ספרים-שאפע אין אלע ישיבות און כוללים. עס האט דורכאויס געענדערט דעם אופן פון לערנען דעם רמב"ם, אין פארגלייך צו די אלטע דרוקן וואס זענען געווען פול מיט גרייזן און דרוק-פעלערן.

»»» המשך בעמוד ג


לערנערס שרייבן...

עתה ידעתי!



### שמירת שבת איז מקרב די גאולה

שמירת שבת איז דער יסוד פון דער גאנצער תורה און עס איז מקרב די גאולה, ווי דער נביא זאגט (ירמיהו יז, כד-כה): "וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ וגו' לְבִלְתִּי הָבִיא מַשָּׂא בְּשַׁעֲרֵי הָעִיר הַזֹּאת בְּיוֹם הַשַּׁבָּת, וּלְקַדֵּשׁ אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת בּוֹ כָּל מְלָאכָה. וּבָאוּ בְשַׁעֲרֵי הָעִיר הַזֹּאת מְלָכִים וְשָׂרִים יֹשְׁבִים עַל כִּסֵּא דָוִד וגו'".

זעען מיר אז ירמיהו הנביא האט נביאות געזאגט אויפ'ן חורבן, און דאך האט ער געזאגט, אז אויב וואלט מען געהיטן דעם הייליגן שבת, וואלטן געקומען "מְלָכִים וְשָׂרִים יֹשְׁבִים עַל כִּסֵּא דָוִד".

און אוודאי, אויב מיר וועלן זיך מחזק זיין אין אט-די טעג אין שמירת שבת ווי עס דארף צו זיין, וועט דאס זיין א גרויסע סיבה מקרב צו זיין אונזער גאולה במהרה, און מיר וועלן זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות און צום צוריקקער פון מלכות בית דוד.

(מכתבי החפץ חיים, מכתב יט)

**"זמירות שלחן השבת" אנטהאלט רוב שכיח'דיגע הלכות שבת לויט דער היינטיגער מציאות, קורץ, קלאר און מסודר צו קענען לערנען מיט דער משפחה ביי די שבת סעודות!**

צו באשטעלן מערערע דערפון פאר שבת התוועדות'ן א.ד.ג. אין די קומענדיגע זוממער וואכן ביטע רופט וואס פריער 845-659-1547

= פארבליבן בלויז א מספר מצומצם פונעם יעצטיגן דרוק - וכל הקודם זכה =

# ימי בין המצרים

## הלכות פון תשעה באב (המשך)

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר **משה צבי אונגאר** הי"ו

לרגל שמחת **אירוסי בתו** למז"ט
עב"ג החתן כמר **משה** ני"ו בן ידידנו מוה"ר
**יעקב יוסף** בהר"ד **בערגער** ני"ו

ולרגל שמחת **לידת בנו** למז"ט

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד בעדו לרוות רוב נחת דקדושה
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

המשך מעמוד ב

קאפאטשינא (cappuccino), ווי-דערמאנט, און זיי זאלן זיין געווארנט צו טרינקען רוב פון א רביעית, וואס איז בערך צווי אונסעס. אויב ס'איז זיי שווער צו מאכן הבדלה, קען מען מקיל זיין אז זיי דארפן נישט מאכן הבדלה פאר'ן עסן און זיי קענען הערן הבדלה מוצאי תשעה באב.

### לערנען, זאגן תהילים

**ל]** כאטש מען טאר נישט לערנען ת"ב, אבער די וואס פירן זיך א גאנץ יאר צו זאגן די פיר קאפיטלעך תהלים נאך קריאת שמע מעגן עס זאגן אויך אין ת"ב.

### זיך מצער זיין

**לא]** עס איז אן ענין צו שלאפן ת"ב אויף אזא וועג וואס עס איז א צער פאר דער מענטש. דערפאר אויב מען שלאפט א גאנץ יאר אויף צווי קישנס זאל מען שלאפן ת"ב נאר אויף איין קישן, און אויב עס איז די סדר צו שלאפן נאר אויף איין קישן זאל מען שלאפן אָן א קישן. עס זענען דא וואס פירן זיך צו לייגן די מאטראץ אויפ'ן ערד און אזוי שלאפן אויף דעם. מען דארף אויך זען צו פארמינערן אום ת"ב יעדע זאך וואס איז אן איבריגע הנאה פאר'ן מענטש.

### תפלת שחרית אום ת"ב

**לב]** מען פירט זיך אז אן אבל דאווענט נישט פאר'ן עמוד א גאנץ ת"ב.

**לג]** די מנהג איז אז מען זאגט נישט ת"ב די ברכה "שעשה לי כל צרכי", וויבאלד די ברכה גייט ארויף אויף די שיך, און ת"ב גייט מען נישט מיט קיין שיך. א) גאנץ יאר מאכט מען די ברכה שעשה לי כל צרכי אפילו אויב מען טראגט נישט קיין שיך, ווייל די ברכה איז נישט נאר אויף די אייגענע הנאה נאר אויף די מנהג פון די וועלט, אבער ת"ב וואס קיינער טראגט נישט קיין שיך מאכט מען נישט די ברכה). אנדערע האלטן אז מען זאגט יא די ברכה, און עס זענען דא וואס פירן זיך צו מאכן די ברכה ביינאכט מוצאי ת"ב ווען מען טוט אָן די שיך.

**לד]** מען דאווענט שחרית אזוי ווי יעדן טאג ביז נאך שמו"ע און מען זאגט אויך מזמור לתודה, וויבאלד בזמן שביהמ"ק הי' קיים האט מען מקריב געווען קרבנות אויך אין דעם טאג. מען צינדט נישט אָן קיין ליכט ביים עמוד.

**לה]** מען זאגט נישט תחנון און למנצח וכו' יענך.

**לו]** די וואס זענען עולה צו די תורה ת"ב אינדערפרי, זאגן שטילערהייט פארן עולה זיין "ברוך דיין הָאמת", אָן די שם ומלכות.

### גריסן, געבן מתנות, וואונטשן מזל טוב

**לז]** מען טאר נישט געבן שלום איינער פאר'ן אנדערן אום ת"ב, וויבאלד עס איז נישט קיין צייט פון שלום נאר א זמן פון צער און יללה אויפ'ן חורבן ביהמ"ק. אזוי אויך טאר מען נישט גריסן, און מען טאר נישט שיקן א מתנה פאר א חבר א.ד.ג. צוליב דעם טעם (אבער פאר אן ארימאן מעג מען יא). מען מעג וואונטשן מזל טוב און אזוי אויך מעג מען פרעגן פונ'ם חבר ווי אזוי ער פאסט און מען מעג באזוכן א חולה אום ת"ב, ווייל עס איז א מצוה.

### זיך אויפשטעלן פאר א טאטע

**לח]** די מצוה פון זיך אויפשטעלן פאר טאטע-מאמע און פאר א זקן גייט אן ת"ב פונקט ווי א גאנץ יאר.

### רחיצה

**לט]** עס איז אסור זיך צו וואשן סיי מיט ווארעמע וואסער, און סיי מיט קאלטע וואסער, אזוי אויך איז אסור צו וואשן די פאות און בארד. מען דארף זיך אבער יא אפגיסן די הענט, צום ביישפיל: נעגל וואסער, פאר'ן דאווענען א.ד.ג. אבער נאר ביז ווי די פינגערס בייגן זיך. נאכ'ן זיך גיסן נעגל וואסער מעג מען דורך פירן די הענט אויף די אויגן און פנים אפילו די הענט זענען נאך אביסל פייכט.

### אויסשווענקען די מויל

**מ]** מען טאר נישט אויסשווענקען די מויל אום ת"ב, אפילו אויב מען האט צער. אויב אבער מען האט זייער א גרויסע צער האט מען דאס מתיר געווען, אבער מען זאל זען אראפצובייגן די קאפ אז די וואסער זאל נישט צוקומען צום האלז.

**מא]** איינער וואס האט שטארקע קאפ ווייטאג מעג זיך באנוצן מיט 'ספאזעטארי', אדער נעמען טיילענאל א.ד.ג. אָן וואסער, און אויב ער קען עס נישט אראפ שלינגען אָן טרינקען וואסער זאל מען טרינקען מיט א ביטערע משקה צ"ב מיט שווארצע קאווע אדער שטארקע טיי סענטס אָן צוקער.

### זיך שמירן אום ת"ב

**מב]** מען מעג לייגן "דיאָדאָרענט" (קעגן שוויצן) אויפ'ן גוף אום ת"ב.

### שיך אום ת"ב

**מג]** מען טאר נישט אנטון שיך פון לעדער אום ת"ב. עס זענען דא וואס זענען מחמיר נישט צו גיין מיט סניקערס אום ת"ב, וויבאלד עס איז באקוועם און מען פילט נישט קיין שום צער. מען איז מחנך קינדער פון די דריי יאר אז זיי זאלן נישט טראגן שיך פון לעדער. אויב מען האט אנגערירט ת"ב שיך דארף מען זיך וואשן די הענט.

### טון א מלאכה אום ת"ב

**מד]** מען פירט זיך אז מען טוט נישט קיין מלאכה אום ת"ב, אבער דאס איז נאר געזאגט געווארן אויב

המשך בעמוד ד

## מכתבים למערכת

המשך מעמוד ב

גאר אסאך איז שוין געזאגט און געשריבן געווארן בנוגע גאנצע פלפולים וואס זענען געשאפן געווארן כדי צו פארענטפערן די קשיות און סתירות פון איין שטיקל רמב"ם אויפ'ן אנדערן, ווען נאך דער ערשיינונג פון "רמב"ם פרענקל" האט זיך ארויסגעשטעלט אז א גרויסער טייל פון די אלע קשיות זענען פשוט געווען גרונטלאז און האבן געהאט זייער אָנשפאַר אין פארגרייזטע דרוקן. די ריכטיגע גירסא פונעם רמב"ם, געדרוקט אינעם פרענקל-רמב"ם, קלארט אויס מיט איין מאל די קשיות, וואס האבן זיך אין דער אמת'ן קיינמאל נישט אנגעהויבן.

הרב פרענקל האט אריינגעלייגט פיל ארבעט און ענערגיע צו דערגרָאבערן די פארשידענע און די גאנץ-ערשטע ווערסיעס פונעם רמב"ם. ער האט נישט געשפארט קיין געלטער און מי אנצוקומען צו די כתבי-יד פון הונדערטער יארן צוריק, אלעס מיט'ן ערהאבענעם ציל, אז יעדע נייע געדרוקטע שורה פונעם רמב"ם זאל זיין וואס מער אויטענטיש און אויסגעקלארט פון טעותים.

ווען הרב פרענקל האט זיך דערוואוסט אז אינעם מוזעאום אין קאַירָא, די הויפט שטאט פון עגיפטן, געפינט זיך אן איינציגער מאַנסוקריפט, א גאנצער קונטרס פון הלכות פונעם "היד החזקה" פונעם רמב"ם, אין דער סאמע-ריכטיגסטע ווערסיע - געשריבן דורכ'ן רמב"ם אליין, האט הרב פרענקל מער נישט געוואוסט קיין רגע פון מנוחה. ער האט אנגעוואנדן אלע באמיאונגען איינצוהאנדלען זיך דעם כתב-יד, כדי צו ערמעגליכן די לומדים צו האבן פאר זיך דעם אריגינעלן און פינקטליכסטן נוסח פון א גרויסע צאל הלכות פונעם רמב"ם, וואס ווער ווייסט, וואספארא געוואלדיגע תועלת דאס וועט זיין פאר דער תורה-וועלט!

די באמיאונגען האבן נושא פירות געווען, און ענדליך, נאך וואס אריבער פופציג טויזנט דאלער - א ריזן סכום בימים ההם - האבן געמאכט דעם וועג אין די הענט און קעשענעס פון די עגיפטישע אויטאריטעטן, איז אנגעקומען דער פיל-ערווארטער אוצר. עס געווען נישט קיין אנדערער ווי דער דעמאלטיגער אַמבאַסאַדאָר פון עגיפטן, מר. מוכאמעד באַסיאָני, וועלכער האט געברענגט דעם פרעזערווירטן כתב-יד און עס איבערגעגעבן אין די הענט פון הרב פרענקל.

מען קען זיך פארשטעלן די געוואלדיגע פרייד און באגייסטערונג פון הרב פרענקל, האלטנדיג אין האנט אט-דעם אור-אלטן הייליגן כתב-יד - די ריכטיגסטע און פינקטליכסטע ווערסיע - פונעם רמב"ם אליין. דאס איז געווען ווי ער זאל האלטן אין ארעם א פיצל קינד וואס איז אים געבוירן נאך דרייסיג יאר ווארטן... אדער ווי א דימענטן-

המשך בעמוד ד

# ימי בין המצרים

## הלכות פון תשעה באב (המשך)

המשך מעמוד ג

עס איז אן ארבעט וואס עס נעמט אביסל צייט דאס צו טון און דורך דעם איז מען מסיח דעת פון אבלות, אבער א שנעלע ארבעט וואס נעמט נישט קיין צייט מעג מען טון. נאך חצות היום מעג מען שוין טון א מלאכה אבער מען זעט נישט קיין סימן ברכה פון די געלט וואס מען פארדינט דורך דעם. טון א מלאכה דורך א גוי מעג מען לכתחילה אויף פאר חצות, אבער בויען טאר מען נישט אפילו דורך א גוי, וויבאלד עס איז א זאך וואס ווערט געטון אינדרויסן און יעדער קען דאס זען.

### צוגרייטן די סעודה פאר מוצאי ת"ב

**מה]** מען פירט זיך אז מען גרייט נישט צו די סעודה ביז נאך חצות, דאס מיינט אז מען קאכט נישט און מען באקט נישט ביז 1:00 נאכמיטאג. מען מעג אבער פריער איינקויפן די עסן וואס מען דארף פאר ביינאכט.

**מו]** פרויען וואס קאכן אום ת"ב מעגן אפוואשן די עסן אפילו אויב די הענט ווערן אויך אפגעוואשן דורך דעם, ווייל עס איז נישט קיין וועג פון פארגעניגן. אבער ווען מען וואשט אפ טעפ און געשיר וואס דאן נוצט מען ווארעם וואסער, איז בעסער אז מען זאל אנטון הענטשקעס פון פלעסטיק אויף די הענט כדי מען זאל נישט הנאה האבן פון די ווארעם וואסער.

### אויסקערן די הויז

**מז]** מען מעג אויסקערן די הויז און מסדר זיין די בעטן נאך חצות.

**מח]** מען לערנט נישט קיין חסיד'ישע ספרים אום ת"ב, אבער מען מעג ליינען סיפורי צדיקים נאך חצות.

**מט]** יונגע בחורים אדער מיידלעך וואס פאסטן, און עס קומט זיי אן שווער צו פאסטן, מעגן שפילן מיט אזא סארט געים א.ד.ג. וואס ברענגט זיי נישט צו קיין געלעכטער, און כדי נישט צו מסיח דעת זיין פון די אבילות פונעם חורבן, זאלן זיי מפסיק זיין יעדע האלבע שעה צו לערנען אדער ליינען עפעס פונעם חורבן.

**נ]** די אלע זאכן וואס מען טאר נישט טון אום ת"ב טאר מען נישט טון א גאנצע טאג ביז עס ווערט נאכט.

### ווער דארף נישט פאסטן

**נא]** א מענטש וואס איז קראנק ל"ע אפילו ער איז נישט אין א סכנה איז פטור פון פאסטן, און ער טאר נישט מחמיר זיין יא צו פאסטן, די וואס פאסטן נישט דארפן אבער נזהר זיין נישט צו עסן סתם איבריגע מאכלים און נאשעריי.

**נב]** מען איז נישט מחויב מחנך צו זיין קליינע קינדער צו פאסטן אפילו אויב זיי האבן שוין דעת צו טרויערן אויפ'ן חורבן. מען זאל זיי מחנך זיין אז זיי זאלן נישט עסן נאשעריי, אבער סתם געהעריגע מאכלים מעגן זיי עסן וויפיל זיי ווילן.

**נג]** קינדער וואס זענען יונגער ווי ניין יאר דארפן בכלל נישט פאסטן, אבער די מנהג איז אז מען איז זיי מחנך צו פאסטן ת"ב ביינאכט ווי ווייט מעגליך. די

המשך בעמוד ה

# מורא מקדש

## התעוררות בקדושת ביהמ"ד

### א פרומער יצר הרע

לכבוד מכון הליכות החיים הע"י

איך האב געהערט פון א חשוב'ער רב, אז ווען ער איז געווען א בחור און האט געלערנט אין דער ישיבה פון הגה"ק דעם פאפער רב זצ"ל (וואס זיין יארצייט איז קומענדיגע וואך י"ג אב), האט זיך אים אמאל פארגלוסט צו נעמען א גמרא אין האנט און מעיין זיין דערין בשעת הויכע שמונה עשרה. דער פאפער רב האט אים געוויזן אז ער זאל עס אראפלייגן, און נאכ'ן דאוונען האט דער פאפער רב אים צוגערופן און געזאגט, "דו ווייסט דעם חילוק צווישן דיר און יענעם בחור?" - זאגנדיג דעם נאמען פון א בחור, וואס אלע האבן געוואוסט אז ער מוטשעט זיך שטארק אין עניני רוחניות. - "יענער האט א 'מאדערנער יצר הרע', וואס פרובירט אים איבערררעדן צו טון זאכן וואס ער טאר נישט טון. דו, אבער, האסט א 'פרומער יצר הרע'. ער ווייסט אז ער קען דיך נישט איבעררעדן אזוי ווי יענעם, רעדט ער דיר איין צו טון אזעלכע זאכן, ווי ארייננקוקן אין א ספר בשעת'ן דאווענען א.ד.ג., אבער באמת איז עס דער זעלבער יצר הרע..."

### דער גרויסער זמן ביי "חזרת הש"ץ"

אינעם קונטרס "שערי המלך" ברענגט ער פונעם "בן איש חי", אז חזרת הש"ץ האט מען מתקן געווען וויבאלד אסאך מענטשן זענען נישט געווען בקי און האבן נישט געקענט דאוונען אליין און זיי האבן יוצא געווען פונעם שליח ציבור, אבער היינטיגע צייטן איז נישט שייך דער דאזיגער טעם, וויבאלד יעדער איז דאך בקי אינעם דאוונען, נאר עס איז דא אן אנדערער טעם פארוואס מען זאגט הויכע שמונה עשרה, און דאס איז וויבאלד מען איז מתקן דערמיט הויכע עולמות, נאך מער ווי ביי שטילע שמונה עשרה, און דאס אלעס וואס מען קען פועל'ן אין דער דאזיגער הויכער צייט, קען מען דערלייגן ווען מען איז נישט נזהר אויסצוהערן די הויכע שמונה עשרה געהעריג ווי עס דארף צו זיין.

ויהי רצון, אז בזכות פון דאוונען ווי עס דארף צו זיין, זאלן מיר זיך אויסבעטן אלע גוטע השפעות לנו ולכל ישראל.

## מכתבים למערכת

המשך מעמוד ג

סוחר האלט אין האנט דעם "קאָהינור"-שטיינדל, איינס פון די עלטסטע, גרעסטע און טייערסטע איידלשטיינער אויף דער וועלט...

הרב פרענקל איז אריינגעגאנגען מיט'ן אַמבאַסאַדאָר אין אינעווייניגסטן צימער פון זיין ביוראָ, צו באטראכטן פון דער נאענט מיט די אייגענע אויגן דעם זעלטן-טייערן אנטיק. דער כתב-יד האט נאך געדארפט דורכגיין א פאָטאָגראַפיר-פּראָצעס מיט ספעציעלע טעכניקן, געאייגנט פאר אלטע פאפיר-בויגנס אין אזא דעליקאַטן צושטאנד, אין געפאר פון ווערן צעברעקלט, און דערנאך דעקאָדירט ווערן, יעדער איינציגער אות און ווארט באזונדער.

אינדרויסן פונעם צימער האט אומגעדולדיג געווארט איינער פון הרב פרענקל'ס געהילפן, אליין זייענדיג באהערשט פון א גרויס חשק צו קענען זען דעם הייליגן כתב-יד פונעם רמב"ם - נישט קיין פאָטאָקאפּיע אדער בילד, נאר דעם אָריגינאַל זעלבסט, דאס פאפיר וואס די הייליגע האנט פונעם גרויסן ריז און באלייכטער פון אידנטום, רבינו משה בן מימון, האט אנגערירט און אנגעפילט מיט שורות, שורות פון די יסודות הדת וואס וועלן זיין א פונדאַמענטאַלע הלכה-ווערק און וועגווייזער פאר לאנגע דורות פון כלל ישראל.

נישט קענענדיג זיך דערווארטן ביז הרב פרענקל וועט ענדיגן איבערגיין די בלעטער, האט דער באגלייטער א קלאפ געגעבן אין טיר. הרב פרענקל האט געעפנט, און יענער האט א פרעג געגעבן, "אפשר קען איך אויך זען דעם כתב-יד?..."

"זייער גערן!" האט הרב פרענקל געענטפערט. דער באגלייטער איז אריינגעקומען - און ביז דא איז אלץ געגאנגען כשורה.

אריינגעקומען איז ער נישט מיט קיין ליידיגע הענט. ער האט געהאלטן אין האנט א קאכעדיג-הייסע שווארצע קאווע...

ווי אזוי פינקטליך דאס האט פאסירט, דאס וועלן מיר ווארשיינליך קיינמאל נישט וויסן. אין אן אויגנבליק, איז דער אלטער ברוינליך-ברעקלדיגער כתב-יד אפגעפארבט געווארן שווארץ. דער גאנצער מאנוסקריפט וואס האט שוין, ווי געזאגט, געהאלטן ביים צעפאלן ווערן, איז געווארן דורכגעווייקט און פארוואנדלט אין א צעשמירטע שווארצע מאסע פון קאווע אויסגעמישט מיט טינט...

די תוצאות זענען געווען פאַטאַלע. דער טייערער כתב-יד, וואס איז נאכנישט געווען פאָטאָגראַפירט און פילמירט, איז אין איין רגע געגאנגען לאיבוד. עס איז מער נישט געווען שייך אפצוראטעווען דעם טייערן אוצר פאר כלל ישראל.

המשך בעמוד ה

# ימי בין המצרים

## הלכות פון תשעה באב (המשך)

המשך מעמוד ד

וואס זענען עלטער ווי ניין יאר, זאל מען מחנך זיין אז זיי זאלן אויך פאסטן אביסל בייטאג.

**נד]** א קטן אדער א חולה ווען זיי וואשן זיך צו ברויט מעגן זיי זיך וואשן די גאנצע הענט. ביים בענטשן זאלן זיי זאגן 'נחם' פאר ובנה ירושלים.

### דינים וואס זענען נוגע צו מנחה

**נה]** אויב מען האט אויסגערופן צו די תורה איינער וואס פאסט נישט, מעג ער עולה זיין ווייל די קריאה איז א חובה פון דעם טאג און נישט וועגן די תענית, און אויך ווייל איינער וואס פאסט נישט טוט אבער יא די אנדערע עינויים (שו"ת חת"ס קנ"ז).

**נו]** ת"ב ביי מנחה זאגט מען "נחם" ביי די ברכה פון בונה ירושלים. מען זאגט דאס נאר ביי מנחה און נישט ביי מעריב און שחרית.

**נז]** טאמער מען האט פארגעסן צו זאגן "נחם" זאל מען עס זאגן ביי די ברכה פון רצה פאר ותחזינה, און ענדיגן די ברכה "המחזיר שכינתו לציון" און נישט ענדיגן "מנחם ציון ובונה ירושלים". אויב מען האט זיך נישט דערמאנט ביי רצה זאל מען עס זאגן פאר "וכל החיים", און אויב מ'האט דארט אויך פארגעסן זאל מען עס זאגן נאך "אלקי נצור" פאר יהיו לרצון.

**נח]** נאך מנחה מעג מען זאגן אלעס וואס מען פירט זיך צו זאגן יעדן טאג, למשל: די זעקס זכירות, אני מאמין, פרשת המן. אויך מעג מען זאגן תהלים ווייל עס איז א דרך בקשה און נישט דרך לימוד. דער וואס איז מקפיד צו זאגנען חק יעדן טאג מעג אויך זאגן ת"ב. דער מנהג איז אז מען זאגט קריאת שמע און פרשת והי' כי יביאך סיי מיט תפילין דרש"י און סיי מיט תפילין דר"ת.

**נט]** דער וואס פאסט נישט זאגט "נחם" אבער נישט "עננו", און אויב ער פאסט ביז נאך מנחה קען ער אויך זאגן "עננו" (אפילו אויב ער גייט אויספאסטן פאר ס'ווערט נאכט).

**ס]** עס איז א גרויסע ענין צו געבן צדקה ביי מנחה-צייט אין א תענית (זעה דיני תענית ס' כ"ו כ"ז), בפרט תשעה באב איז די ענין פון צדקה א סאך גרעסער אזוי ווי עס שטייט "ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה" אז אין די זכות פון צדקה וועט זיין די גאולה שלימה.

### מוצאי ת"ב

**סא]** מוצאי תשעה באב מאכט מען הבדלה אויף וויין און מען טרינקט דעם כוס.

**סב]** מען מעג מאכן הבדלה און טועם זיין ביים זמן צאת הכוכבים פאר'ן דאווענען מעריב. אויב מ'וויל עסן א קביעות'דיגע סעודה, זאל מען שטעלן א שומר אדער א קלינגער אז מ'זאל נישט פארגעסן צו דאווענען מעריב.

**סג]** אויב מען האט פארגעסן און געמאכט א ברכה אויף א מאכל אדער משקה פאר הבדלה, זאל מען טועם זיין אביסל דערפון אז עס זאל נישט זיין קיין ברכה לבטלה, און דערנאך זאל מען מאכן הבדלה. אויב מען האט פארגעסן און געמאכט שהכל אויף קאווע, זאל מען זאגן ברכת "המבדיל" אויפ'ן כוס און דערנאך טרינקען.

**סד]** אויב מען מאכט הבדלה אויף וויין און מען האט שוין דעמאלס געטראכט אז ער וויל טרינקען קאווע א.ד.ג. [אדער איז עס שוין דאן געווען אויפ'ן טיש], זאל מען נישט מאכן דערויף שהכל און בורא נפשות, ווייל עס ווערט גע'פטר'ט מיט די ברכות אויפ'ן וויין.

**עס שטייט אין סידור היעב"ץ:**

"דא איז דער פלאץ מרחיב צו זיין דעם דיבור. אויב וואלט מיר געהאט אין אונזערע הענט נאר די זינד וואס מען טרויערט נישט אויף ירושלים ווי עס דארף צו זיין, איז דאס שוין גענוג אויף צו פארלענגערן דעם גלות, און דאס איז אין מיינע אויגן די נענטסטע סיבה פאר אלע טרויעריגע השמדות וואס האבן אונז געטראפן אין אלע פלעצער וואו מיר זענען געווען פארשפרייט אין גלות. מען האט אונז נישט געלאזט זיין רואיג און טרעפן מנוחה זייענדיג צווישן די גוים, וויבאלד עס איז ארויס פון אונזער הארץ דער טרויער [אויף ירושלים].

זייענדיג אין א לאנד וואס געהערט נישט צו אונז, האבן מיר פארגעסן אין ירושלים, און עס איז אונז נישט עולה על הדעת געווען. דערפאר זענען מיר פארגעסן געווארן ווי א מת ביים רבוש"ע, כביכול, און נישט אויסגעלייזט געווארן, און אין יעדן דור קומט צו צו אונזער טרויער און ווייטאג.

יעדער וואס האט ליב דעם אמת וועט מודה זיין צו אונזערע רייד. אפילו אין דעם ביטערן טאג פון תשעה באב, ווער טוט אלץ טרויערן אויפ'ן חורבן פונעם בית המקדש און אויף דער ווייסטקייט פון הייליגן לאנד, ווי עס דארף צו זיין, פון טיפעניש פון הארצן. וויפיל טרערן ווערן פארגאסן אויפ'ן חורבן תשעה באב, ווער רעדט נאך אין די אנדערע טעג פון יאר. קיינער געדענקט נישט צו טרויערן, און עס קומט נישט ארויף אפילו במחשבה, כאילו עס וואלט קיינמאל נישט געווען קיין חורבן, און דערפאר, צוליב דער עבירה פון נישט טרויערן אויפ'ן חורבן ווי עס דארף צו זיין, קומען די אלע שלעכטע זאכן און צרות, ה' ירחם".

**דער שכר פון טרויערן אויפ'ן חורבן**

דער **"קב הישר" שרייבט:** "איך האב אן אמת'ע קבלה, אז יעדער וואס איז זיך שטענדיג מצער אין הארצן אויף גלות השכינה, איז זוכה צו כתר תורה".

דער **"בני יששכר" שרייבט** (מאמרי חודש אב): "ווען א מענטש לערנט עפעס און פארשטייט נישט, זאל ער קלאגן אויפ'ן גלות און מתפלל זיין אויף דער גאולה, און דורך דעם וועט נתעורר ווערן ביי אים דער דעת זיך מתבונן צו זיין אין דעם וואס ער ווייסט נישט".

**אין זכות פון זיך מצער זיין מיט צער השכינה און טרויערן אויפ'ן חורבן הבית כהלכה אין די טעג, לויט ווי חז"ל האבן מתקן געווען, זאלן מיר זוכה זיין צו ישועות ורפואות און צו דער גאולה שלימה השתא בעגלא ובזמן קריב.**

## מכתבים למערכת

המשך מעמוד ד

*

ווי אזוי וואלט איר רעאַגירט אין אזא פאל, האַ?...

דער כתב-יד איז שוין יעצט געווען א פארגאנגענהייט. אלע געלטער אין דער וועלט האבן דעם שאדן מער נישט געקענט אומקערן. קיין שום רעאַקציע וואלט שוין סיי-ווי גארנישט געהאלפן. אבער - ווי שרעקליך-טיף איז דער פארדרוס, ווי קאכעדיג-פלאקערדיג דער כעס און אויפברויז! דער מינימום וואס וואלט זיך דערווארט אין אזא צייט, וואלט געווען אפצוזאגן דעם געהילף תיכף-ומיד און אים פארשיקן פון די אויגן.

געשרייען און געוואלדן - דאס איז אוודאי נישט געווען דער שטייגער פון אזא איידעלער און נאָבעלער פערזענליכקייט ווי הרב פרענקל; אבער אפילו אזא אצילות-געשטעלט ווי רבי שבתי פרענקל וואלט זיך אויך געקענט צוווארעמען אין אנבליק פון אזא שרעקליכן און געוואלדיגן שאדן. ווילסט זען דעם כתב-יד? נו, מהיכי-תיתי. אבער מיט א קאווע אין דער האנט? ווי געשיקט זיך דאס? געוואלד-געשריגן! וואו איז די מינדסטע פארזיכטיגקייט?...

הרב פרענקל האט דעם באגלייטער, וועלכער איז געשטאנען א צעטומלטער און דערשראקענער, נישט געשאנקען אפילו קיין שטרענגען בליק מיט די אויגן. ער איז בלויז פארשוואונדן פון צימער אויף דריי מינוט, און דאן איז ער צוריקגעקומען - מיט א גלאז קאווע אין האנט! א געשמאקע, בריעדיג-הייסע קאווע. ווענדנדיג זיך צום באגלייטער, האט ער געזאגט מיט א ווייכע, צערטליכע שטימע: "נעם, טרינק. האסטו דאך נישט אויסגעטרונקען דיין קאווע..."

*

און אט דאס איז געווען דאס גרעסטע תורה-ווערק, דער שענסטער און וויכטיגסטער "מוסר-ספר" וואס הרב פרענקל האט פארפאסט. דער טייערסטער אנטיק.

ווען מען האט אים אמאל געפרעגט, באציענדיג זיך צו דער ווייטאגליכער געשעעניש, ווי אזוי ער האט באוויזן זיך צו באהערשן אין יענעם מאמענט און נישט ארויספלאצן אין כעס, ווען דער טייערער, אומערזעצליכער אוצר, צוזאמען מיט זיין גאנצע אומערמידליכע ארבעט און די פופציג טויזנט דאלער וואס עס האט אים אפגעקאסט דאס צו באקומען, איז אים געגאנגען לטמיון פאר די אויגן - האט הרב פרענקל געענטפערט מיט זיין כאַראַקטעריסטיש-איידעלע שטימע:

"אויב נאך די אלע באמיאונגען וואס איך האב געמאכט, האט פאסירט וואס עס האט פאסירט -

המשך בעמוד ו

# זכר למקדש

## מאכן א זכר צום חורבן

**הפצת הגליון נתנדב**

לרגל יומא דהילולא קדישא של

**כ"ק מרן הגה"ק בעל ויחי יוסף מפאפא זצוק"ל**

ביום י"ג אב

הונצח ע"י ידידינו תלמידו הרבני הנדיב **הרה"ח**
**ר' מרדכי אפרים פישל דייטש הי"ו**

### זכר למקדש ביים פארבן דאס הויז

**א]** נאכ'ן חורבן ביהמ"ק האבן די חכמים מתקן געווען עטליכע זאכן וואס מען דארף מאכן אלס א זכר צום חורבן, ווי פאלגנד:

**ב]** ווען מען מאכט א שמחה דארף מען מאכן א זכר לחורבן, ווי עס שטייט "אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי"[1].

**ג]** ווען מען מאכט א "טעלער-ברעכן" פירט מען זיך צו צעברעכן א טעלער, און אונטער דער חופה צעברעכט מען א גאנצן כוס, און עס איז נישטא דערביי קיין איסור בל תשחית וויבאלד מען טוט עס כדי צו געדענקען דעם חורבן[2].

**ד]** ווען מען בויט א נייע הויז און מען פארבט די שטיבער, זאל מען איבערלאזן אין איין שטוב אן אמה אויף אן אמה (48 אויף 48 צענטימעטער / 19 אויף 19 אינטשעס) וואס איז נישט געפארבט, אלס זכר צום חורבן[3]. עס איז גענוג איבערצולאזן דעם פלאץ אין איין שטוב און מען דארף נישט איבערלאזן אין יעדער שטוב פון הויז[4].

**ה]** מען מעג אנשמירן דעם פלאץ וואס מען לאזט איבער מיט "ספּאַרקעל", אבער עס איז נישט גענוג אויב מען לייגט צוויי שיכטן ("קאָודס") ביים פארבן דאס גאנצע הויז, און ביי דעם פלאץ נאר איין שיכט[5].

**ו]** אזוי אויך אויב מען לייגט "וואָל פעיפער" א.ד.ג., דארף מען איבערלאזן א פלאץ וואס איז נישט באדעקט אזוי גרויס ווי דער דערמאנטער שיעור[6].

**ז]** דער טייל וואס מען לאזט איבער דארף זיין אויף א פלאץ וואו מען קען עס גלייך באמערקן, און אויך זאל מען נישט פארדעקן דעם פלאץ מיט א פירהאנג אדער א שאפע א.ד.ג., כדי מען זאל עס שטענדיג זען און געדענקען דעם חורבן[7].

### בנינים של מצוה

**ח]** אין בתי מדרשים, בתי חינוך, און אלע בנינים של מצוה, דארף מען נישט מאכן דעם זכר לחורבן[8].

**ט]** די וואס האבן דירות אויף אפרו-פלעצער דארפן אויך דארט מאכן דעם זכר כאטש מען וואוינט נישט דארט בקביעות, ווייל דאס הייסט א געהעריגע דירה.

**י]** איינער וואס בויט א הויז צו פארקויפן אדער פארדינגען פאר אנדערע דארף נישט מאכן דעם זכר לחורבן, ווייל דער חיוב איז נאר ווען מען בויט א הויז פאר זיך צו וואוינען דארט[9].

**יא]** לויט א טייל פוסקים איז נישטא קיין חיוב אויף דעם וואס דינגט דאס הויז אז ער זאל אפקראצן דעם קאלך צו מאכן א זכר לחורבן, אבער אויב דער וואס דינגט עס פארבט אליין די דירה דארף ער יא מאכן דעם זכר[10].

**יב]** אזוי אויך דארף מען נישט מאכן דעם זכר אין אפיסעס און געשעפטן, ווייל דער חיוב איז נאר ביי א פלאץ וואו מען וואוינט[11].

## הערות וציונים

**1.** ובספר המקנה הל' קידושין סי' ס"ה כתב דיש להזכיר את ירושלים בשעת השמחה במחשבה, בדיבור, ובמעשה דכתיב אם אשכחך ירושלים, אם לא אזכרכי, אם לא אעלה את ירושלים, אם אשכחך - היינו שכחת הלב, אם לא אזכריכי - היינו זכרון בפה, אם לא אעלה - היינו זכרון במעשה. **2.** ואין בו משום בל תשחית, כיון שעושין כן לרמז מוסר למען ישימו לב. **3.** כמבואר בפרימ"ג דמסתבר דהאמה על אמה היינו מרובע ולא אריך וקטן ויש מקילין דאין צריך אמה על אמה וסגי בפחות, ויש שנוהגין בכלל להקל בדין זה שסוברין שהוא נוהג דווקא אם סדין בסיד ואין בו שום תערובות אבל היכא שמערבין בו חול אין דין זה דצריך לשייר עיין שע"ת סק"א ובמ"ב סק"ב ובערוה"ש ס"ד שמלמד זכות על רוב ישראל שאין נזהרין עתה בדין זה. **4.** כמבואר בשו"ת שאילת יעב"ץ סי' קס"ט דמיהו באמה על אמה פע"א סגי לכל חדרי הבית אף שיש לו חדרים רבים ולא שנא ולא פלוג. **5.** כן מבואר בספר פנינת המקדש בשם הגר"פ פאלק זצ"ל והגר"י וואזנער שליט"א דצריך שני תנאים לקיים החיוב של שיור אמה על אמה, שמקום האמה יהא ניכר היטב שהוא שונה בצבעו משאר הבית, ועוד שסדו מקום זה בדבר שלא נועד לייפוי הבית רק לגמר הבנין, ומש"ה בספארקעל מותר אבל בצבע שעשוי לייפות את הבית לא מהני מה שצובע רק פעם אחד, אף שניכר החילוק. **6.** כמבואר בערוך השלחן ס"ה וכן המדבקים על הכתלים נייר יפה ג"כ ישיירו אמה, מהא דמביא המ"א סק"ג בשם השל"ה הדין באותם התולין בגדי רקמה סביב הכתלים. **7.** כמבואר בשו"ע שם ס"א ומשייר מקום כנגד הפתח, ועיין בשע"ת ובמ"ב שם אם צריך נוכח הפתח או למעלה מן הפתח. **8.** כמבואר בביה"ל בשם הפוסקים דשרי בכל ענין, ועיין שו"ת מנח"א ח"ג סי' ס"ו שתקנה זו אינה כוללת מקום המיועד למצוה, וכמו שלא גזרו על ניגון בכלי שיר במקום מצוה, ויש שכתבו דגם חדר אוכל של ישיבה אף שהוא בנין בפ"ע ג"כ פטור, כיון שאינו ביתו הפרטי של אדם רק מקום המיועד לציבור. **9.** כמבואר בשו"ת אג"מ או"ח ח"ג סי' פ"ו דבכל הענין נאמר לא יסוד אדם את 'ביתו' בסיד, דמשמע דרק ביתו שהוא דר בו. **10.** דכיון שהבית נבנה בהיתר שבעה"ב לא היה מחוייב לעשות זכר כיון שאינו מקום דירתו אין עכשיו חיוב על השוכר לעשות הזכר, ויש מחמירים שהשוכר יבקש רשות מבעה"ב ויקלוף מקום אמה על אמה, עיין פסק"ת שם. **11.** כ"כ בספר פנינת המקדש בשם הגר"פ פאלק זצ"ל מהא דיש פוטרים חניות ומשרדים גם מעשיית מזוזה, כיון שאינו מקום דירה.

## מכתבים למערכת

המשך מעמוד ה

איז דאך עס געווען א קלארער סימן אז פון הימל האט מען נישט געוואלט אז דער כתב-יד זאל געדרוקט ווערן. אויב דער באגלייטער, א קלוגער און ארנטליכער מענטש, וועלכער ווייסט ווי צו זיין פארזיכטיג, האט באשלאסן צו האלטן דעמאלט אין האנט א גלאז קאווע, האט די השגחה עליונה ווודאי אזוי געוואלט..."

*

און יעצט, צוריק צו דער געשיכטע מיט'ן קליינעם מיידעלע, וועלכע האט שיין געפארבט און באצירט איר טאטנ'ס אפגעהארעוועטע תורה-בלעטלעך... "אויב הרב פרענקל האט געקענט בלייבן רואיג און זיך נישט פארלירן און אויסגיסן זיין כעס אויפ'ן באגלייטער, אין דער צייט וואס עס איז אים ארויסגעקומען דערפון א פיל-גרעסערער שאדן, ווי דאס שטיקל ארבעט וואס מיין מיידעלע האט מיר פאראַרבעט," האט אויסגעפירט דער רב, וועלכער האט מיר דערציילט די געשיכטע וואס האט פאסירט צו אים יארן צוריק, "איז דאך ווודאי און ווודאי, אז איך האב זיך געמעגט און געדארפט קענען באהערשן אין אזא מצב.

"איך בין צוגעגאנגען צו מיין טאכטערל, וועלכע האט מיך געוואלט אזוי שטארק דערפרייען און געווארט אויף א גוט ווארט פון איר טאטן אויף איר שיינער ארבעט, און כ'האב איר געזאגט מיט א ליבליך שמייכל: 'אה, האסטו געמאכט א וואונדער-שיינע ארבעט! האסט אזוי שיין געפארבט די פאפירן!' די קליינע האט געשיינט פאר גליק.

"אין די קומענדיגע טעג האב איך געהאט א היפש-ביסל ארבעט צו טון. כ'האב זיך אוועקגעזעצט פריש מיט די אלע ספרים און גענומען צו דער מלאכה, איבערצושרייבן נאכאמאל דעם גאנצן מאמר וואס איז געבליבן אפגעמעקט אונטער די שיינע קאלירן און בילדעלעך. וויבאלד דער עיקר-אינהאלט איז מיר געווען איינגעקריצט אין געדאנק, האב איך געהאט פארטיג אין בלויז א פאר טעג די גאנצע ארבעט, אפשר נאך שענער און בעסער ווי פריער. איך האב עס אריינגעגעבן וואו כ'האב געדארפט און געהאט די זכי' אז עס איז ארויפגעקומען על שולחן מלכים פון די חשוב'ע רבנים.

"דאס וויכטיגסטע פון אלעם איז געווען, אז קיינער איז, ברוך ה', נישט אריינגעפאלן אין כעס.

"כעס - דערפירט נישט אין ערגעץ, און קיינער פארדינט דערפון גארנישט. ווען א מענטש איז זיך גובר אויפ'ן נסיון און שטארקט זיך אויף דער טבע פונעם נפש הבהמי, פייערט ער א נצחון אויפ'ן יצר און דערהייבט זיך צו דער הייך פונעם 'אדם' - 'אתם קרויים אדם' - די קרוין פון דער יצירה."

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170